**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.................7:39

מוצאי שב"ק....................9:07

**שיעורים כסדרן**

נ"ך...................רות ד'-איכה א'

בבלי.........................סוכה ל"ח

ירושלמי.....................נדרים ל'

תוספתא.......................שבת י'

רמב"ם...............מעשר י"א


# גליון היכל הקודש


ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת שופטים, ו' אלול, אבות פרק ו', שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 10, גליון 45 (512)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וְהָיָה כְּקָרָבְכֶם אֶל הַמִּלְחָמָה וְנִגַּשׁ הַכֹּהֵן וְדִבֶּר אֶל הָעָם, אַל יֵרַךְ לְבַבְכֶם אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּחְפְּזוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם, כִּי ה' אֱלֹקֵיכֶם הַהֹלֵךְ עִמָּכֶם וְגוֹ'.**

וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֵייעֶן אַרוֹיס אִין מִלְחָמָה, זָאגְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַז דֶער כֹּהֵן מָשׁוּחַ מִלְחָמָה דַארְף רֶעדְן צוּם פָאלְק אוּן זֵיי אָנְגְרֵייטְן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוערְן אוּן נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן פוּנֶעם פַּיינְט, עֶר שְׁטַארְקְט זֵיי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיט זֵיי, אוּן עֶר וֶועט זֵיי הֶעלְפְן בַּאזִיגְן דֶעם פַּיינְט.

מִיר וֵוייסְן אַז יֶעדֶעס וָוארְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז אַ נִצְחִיּוּת, סְ'גֵייט אָן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין יֶעדֶע צַייט אוֹיף אֵייבִּיג, אוֹיבּ אַזוֹי דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי אִיז שַׁיָּיךְ פַאר אוּנְז הַיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּנֶעם כֹּהֵן מָשׁוּחַ מִלְחָמָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קט"ו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ', י"ז) **וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים**, אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז כְּסֵדֶר פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן אֵיין טָאג כַאפְּט אִים אָן אַן הִתְעוֹרְרוּת אוּן עֶר ווִיל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶועט עֶר נִישְׁט גְלַייךְ אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דִי מִדַּת הַדִּין אִיז מְקַטְרֵג אוֹיף אִים, אוּן לָאזְט אִים נִישְׁט גְלַייךְ אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אוּן דֶערְפַאר שְׁטֶעלְט מֶען אִים אוּנְטֶער פִּיסְלֶעךְ אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַזוֹי גְרִינְג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער רַחֲמָנוּת אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר בַּאהַאלְט עֶר זִיךְ אִין דִי מְנִיעוֹת.

אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ דֶעם רִיכְטִיגְן שֵׂכֶל, קֶען עֶר טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי מְנִיעוֹת. אוֹיבּ אָבֶּער הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וֶוערְט עֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז וִוי נָאר עֶר וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גוּט אוּן גְרִינְג, אוּן דֶערְוַוייל זֶעט עֶר גָאר אַז אַלֶעס אִיז אִים טוּנְקֶל אוּן פַארְלָאשְׁן, אוּן עֶר לָאזְט נֶעבֶּעךְ אָפּ זַיינֶע גוּטֶע וֶועגְן.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק, וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם טוּנְקֶעלְן וָואלְקְן אוּן נֶעפְּל וָואס נֶעמְט אַרוּם דֶעם בַּארְג סִינַי, "וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק", זֶענֶען דִי פְּשׁוּטֶע אִידְן גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶערְוַוייטְנְס, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּצוּגֵיין, אָבֶּער "וּמֹשֶׁה", דָאס אִיז דֶער דַּעַת אוּן שֵׂכֶל פוּנֶעם צַדִּיק, וֶוען אַ אִיד נֶעמְט דֶעם שֵׂכֶל פוּן אַ צַדִּיק, "נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל", גֵייט עֶר דַוְקָא יָא אַרַיין צוּם נֶעפְּל, וַוייל עֶר וֵוייסְט, "אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים", אַז דָארְט בַּאהַאלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען הַיינְט מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן כֹּהֵן מָשׁוּחַ מִלְחָמָה, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז פַארְוִויקֶלְט אִין שְׁוֶוערֶע מִלְחָמוֹת, יֶעדֶער אִיד ווִיל דָאךְ זַיין נָאר ווָאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע מִיט זַיינֶע כּוֹחוֹת ווִילְן אִים נָאר אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן פוּנְ'ם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁטֶעלְט כְּסֵדֶר אוּנְטֶער שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג קֶענֶען דִינֶען אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶערְפַאר זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק, **וְהָיָה כְּקָרָבְכֶם אֶל הַמִּלְחָמָה**, וֶוען אַ אִיד זֶעט אַז עֶר אִיז אִין אַ שְׁוֶוערֶע מִלְחָמָה מִיטְ'ן יֵצֶר הָרַע, עֶר קֶען אִים נִישְׁט בַּאזִיגְן, דֶער יֵצֶר הָרַע ווַארְפְט אִים אַרָאפּ אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן, דַאן, **וְנִגַּשׁ הַכֹּהֵן וְדִבֶּר אֶל הָעָם**, דַארְף דֶער כֹּהֵן - וָואס דָאס אִיז דֶער צַדִּיק - צוּגֵיין אוּן מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **אַל יֵרַךְ לְבַבְכֶם אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּחְפְּזוּ וְאַל תַּעַרְצוּ**, זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן אַז סְ'גֵייט זֵיי אַזוֹי שְׁוֶוער, דֶער צַדִּיק זָאגְט אוֹיס דֶעם סוֹד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין בַּאהַאלְט זִיךְ אִין דִי אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן, **כִּי ה' אֱלֹקֵיכֶם הַהֹלֵךְ עִמָּכֶם לְהִלָּחֵם לָכֶם עִם אֹיְבֵיכֶם לְהוֹשִׁיעַ אֶתְכֶם**, עֶר ווִיל נָאר זֶען ווִי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער אִיד וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר קַיין שׁוּם פְּרַייז אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן עֶר זָאל אָנְקוּמֶען צוּם תַּכְלִית צוּ וָואס עֶר דַארְף אָנְקוּמֶען, אוּן אַז סְ'זָאל אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שׁוֹפְטִים תשס"ד)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חוֹדֶשׁ אֱלוּל

מִיר הַאלְטְן שׁוֹין אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אָט אָט קוּמְט שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע פָארְכְטִיגֶע טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר, אָט אָט גֵייעֶן מִיר שׁוֹין שְׁרֵייעֶן בַּיי דִי תְּפִלָּה פוּן "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף" מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת דִי וֶוערְטֶער: "וּתְשׁוּבָה, וּתְפִלָּה, וּצְדָקָה, מַעֲבִירִין אֶת רֹעַ הַגְּזֵרָה!" אוּן וֶוער עֶס אִיז קְלוּג וַוארְט נִישְׁט בִּיז מֶען וֶועט אִים אָנְשְׁרַייבְּן ח"ו שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוּן עֶר וֶועט עֶס דַארְפְן צֶעשְׁטֶערְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר עֶר הוֹיבְּט שׁוֹין אָן פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דִי דְרֵיי זַאכְן, מִיט תְּשׁוּבָה, תְּפִלָּה אוּן צְדָקָה, אַזוֹי אַז מֶען זָאל בִּכְלַל נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן צוּ מַאכְן אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת.

יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ אוֹיפְצִיוֶועקְן פוּן דֶעם טִיפְן שְׁלָאף וָואס מֶען אִיז גֶעשְׁלָאפְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ בַּארֶעכֶענֶען וואוּ מֶען הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן צַדִּיקִים אַז וֶוען מֶען הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וֶוען דֶער חַזָּן הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער "רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל יִהְיֶה בְּיוֹם.." הָאט זֵיי שׁוֹין גֶעכַאפְּט אַזַא צִיטֶער. בְּלוֹיז דָאס דֶערְמַאנֶען אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר זִיךְ אוֹיפְצוּוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן גְרֵייטְן צוּם נֵייעֶם יָאר וָואס קוּמְט.

<<<<<<

## א גוט ווארט

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן מִבָּאבּוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "קְדוּשַּׁת צִיּוֹן", עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען בָּחוּרִים אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַ תִּיקוּן פַאר זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶע זֵייעֶרֶע חַטֹּאוֹת נְעוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן אוּן גֶעבֶּעטְן אַ תִּיקוּן, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, הָאבְּן אִים דִי בָּחוּרִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער.

הָאט דֶער בָּאבּוֹבֶ'ער רָב זֵיי גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ ווָאלְט אַייךְ גֶעזָאגְט אִיר זָאלְט זִיךְ אָפְּבְּרֶענֶען אַייעֶרֶע הֶענְט אוּן מַאכְן גִלְגּוּל שֶׁלֶג ווָאלְט אִיר גֶעלָאפְן מִיט שִׂמְחָה דָאס טוּן, אִיר וַוארְט אִיךְ זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַזַא תִּיקוּן? דָא גֶעבּ אִיךְ עֶנְק אַ גְרִינְגֶע תִּיקוּן - אַ בְּלַאט גְמָרָא, אִיז עֶנְק שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען?!"

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע תִּיקוּן מֶער וִוי אַלֶע סָארְט סִיגּוּפִים; וִוי פַארְבְּרֶענֶען דִי הֶענְט אוּן מַאכְן גִלְגּוּל שֶׁלֶג.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תשפ"א)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ דַאוְוענֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז אִיךְ בַּאוואוּנְדֶער דִיר, אִיךְ זֶע דַיין הִתְנַהֲגוּת וִוי אַזוֹי דוּ פִּירְסְט זִיךְ שַׁבָּת אִין שׁוּל, וִוי דוּ הַאלְסְט דַיינֶע קִינְדֶער מִיט דִיר דָאס גַאנְצֶע דַאוְוענֶען; דַיינֶע קִינְדֶער זִיצְן נֶעבְּן דִיר דָאס גַאנְצֶע דַאוְוענֶען, פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְ'ן סוֹף, דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אַזוֹי אָפּ מִיט זֵיי, אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךָ!

אִיךְ וֵוייס אַז דָאס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, דָאס אִיז פוּן דִי עֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת שֶׁבַּמִּקְדָּשׁ; בִּפְרַט אַ אִינְגֶערְמַאן וִוי דוּ וָואס דוּ אַרְבֶּעסְט בִּיטֶער שְׁוֶוער אַ גַאנְצֶע וָואךְ, מֵהַבֹּקֶר עַד צֵאת הַנְּשָׁמָה, דוּ בִּיסְט גוּט פַּארְיָאגְט, דוּ בִּיסְט מְקַיֵּים דֶעם שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲבֹד וְעָשִׂיתָ כָּל מְלַאכְתֶּךָ; וָואלְסְטוּ זִיךְ גֶעקֶענְט פַּטְרְ'ן שַׁבָּת פוּן אַלֶעס, וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט זִיצְן אִין שׁוּל אוּן לָאזְן דִי קִינְדֶער אַרוּם לוֹיפְן וְכוּ', דָאךְ הָאסְטוּ דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין זֵיי דַאוְוענֶען; אִיךְ בַּאוואוּנְדֶער דִיר.

הַלְוַאי זָאלְן אַלֶע אַזוֹי טוּן; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז נָאךְ אִינְגֶעלַייט וֶועלְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִיר, מֶען וֶועט אַוֶועקְלֵייגְן דִי בַּאקְוֶועמֶע מִינוּטְן פוּן זִיצְן אַבִּיסְל רוּאִיג, מֶען וֶועט עֶנְדֶערְשׁ טְרַאכְטְן פוּנֶעם עָתִיד.

אַז מֶען ווִיל – קֶען מֶען דָאס מַאכְן אִינְטֶערֶעסַאנְט, מֶען קֶען מִיטְבְּרֶענְגֶען קְלֵיינֶע צוּקֶערְלֶעךְ, נַאשׁ וְכַדוֹמֶה, אוּן מֶען גֶעבְּט זֵיי אַ צוּקֶערְל; יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט גֶעבְּט מֶען נָאךְ אַ שְׁטִיקְל נַאשׁ, אַזוֹי קֶען מֶען זֵיי הַאלְטְן בַּיים דַאוְוענֶען מִיט גֶעשְׁמַאק, אָן דְרוּק.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן גֶעזוּנְט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"א)

# אוֹיבּ מֶען עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ, פּוֹעֶלְ'ט מֶען

וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה, וֶוער דֶען אוֹיבּ נִישְׁט דוּ דַארְף קוּמֶען אוֹיף אוּמַאן צוּם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה; רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִשְׁפָּט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט זַיין מִיט אִים דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ אַלֶעס וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיטְן מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוְוענֶען: "בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן, כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ וּמִי לֹא בְקִצּוֹ, מִי בָאֵשׁ וּמִי בַמַּיִם, מִי בַחֶרֶב וּמִי בָרָעָב, מִי בָרַעַשׁ וּמִי בַמַּגֵּפָה; נָאכְמֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תסו) אַז וֶוען דֶער חַזָן זָאגְט מִי, וּמִי, וּמִי, דָארְט אִיז מְרוּמָז אַלֶעס וָואס עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אִינֶעם פִּיּוּט פוּן וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף; פְרֶעג אִיךְ דִיר, אַז מִיר הָאבְּן אַ צַדִיק פוּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק וָואס הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט וָואס עֶר קֶען – וָואס אִיז בִּכְלַל דִי סָפֵק?! אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, נָאר עֶר פָּארְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי אַלֶע טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט גְרִינְגֶערְהֵייט, נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ; נָאר וָואס דֶען, אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען, קוּמְט מֶען אָן קַיין קַשְׁיוֹת.

עַתָּה לְכִי אִיעָצֵךְ נָא עֵצָה, וּמַלְּטִי אֶת נַפְשֵׁךְ; קוֹיף דִיר אַ טִיקֶעט אוּן קוּם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין אִין אוּמַאן זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען קַיין צַייט מִיט שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים. גֵיי נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, אִין אוּמַאן אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ טוּן – חוּץ פוּן זִיצְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ בֶּעטְן פַאר אַ גוּט יָאר; אַ יָאר מִיט בְּרָכוֹת, אַ יָאר מִיט יְשׁוּעוֹת אוּן אַ יָאר מִיט אַלֶעס גוּטְס.

רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: "בַּיים צִיּוּן, אוֹיבּ מֶען עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ, קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֶלְ'ן"; זַייַ בַּיים צִיּוּן אוּן בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא מִיט אַלֶע אִידְן וָואס וַוארְטְן אוֹיף זֵייעֶר יְשׁוּעָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תָבֹא תשע"ז)

>>>>>>

דֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה קַאבְּרִינֶער זי"ע פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן זֶעקְס יָאר, הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט אֵיינְמָאל מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אִינְמִיטְן אִיז זַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "מֹשֶׁה'לֶע, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן אֲפִילוּ דִי פִישׁ אִין וַואסֶער צִיטֶערְן, אוּן דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ נָאךְ?!" וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיטֶערְן, אַז בִּיז הַיינְט שְׁפִּירְט עֶר נָאךְ דֶעם צִיטֶער, וַוייל זַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אוּן זִי הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס תְּמִימוּת אַז עֶס אִיז אִים אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער יוֹם הַדִין, מֶען גֵייט אָנְשְׁרַייבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס גֵייט פַּאסִירְן מִיט אִים דִי גַאנְצֶע יָאר, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ גוּט צוּגְרֵייטְן מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן זְכוּתִים, אַז מֶען זָאל וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן בְּסֵפֶר הַחַיִּים, מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט

מֶען דַארְף אָבֶּער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן וֶועם רֶבִּי נָתָן הָאט גֶערֶעדְט. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט.. אוּן מֶען טוּט גָארְנִישְׁט"... אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט דִי אֱלוּל טֶעג, מֶען וֶוערְט פְרוּם פְרוּם, נִישְׁט מֶען לֶערְנְט אוּן נִישְׁט מֶען דַאוֶוענְט".

עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱלוּל, מֶען רֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֱלוּל. נָאר מֶען דַארְף זֶען צוּ טוּן צוּ דִי זַאךְ, מֶען דַארְף זֶען צוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס קֶען מֶען זֶען בֵּיי מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה פַאר גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן זֶעצְן זִיךְ אַרַיין בֵּיי קִבְרֵי צַדִיקִים אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם הֵיילִיגְן חוֹדֶשׁ. דָארְט קֶען מֶען זֶען מַמָשׁ דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי נָתָן. מֶענְטְשְׁן זֶעצְן זִיךְ דָארְט אַרָאפּ אוּן מֶען זָאגְט עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן אִינְצְווִישְׁן קוּמֶען אָן בַּאזוּכֶער, לָאזְט מֶען גְלַייךְ אָפּ דֶעם תְּהִלִּים, אוּן מֶען לוֹיפְט זֶען וֶוער דִי פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען, אוּן מֶען בֶּעט שׁוֹין אַבִּיסְל שָׁלִיחַ-מִצְוָה גֶעלְט פוּן זֵיי, אוּן דֶערְנָאךְ גֵייט מֶען צוּרִיק צוּם תְּהִלִּים. פְלוּצְלִינְג וֶוערְט מֶען הוּנְגֶערִיג אוּן מֶען גֵייט זוּכְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען מִיד אוּן מֶען לֵייגְט זִיךְ צוּ אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, אוּן אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער דֶער טָאג מִיט גָארְנִישְׁט. אוֹיסֶער עֶטְלִיכֶע יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס נוּצְן טַאקֶע דִי צַייט, אוּן זֵייעֶר מוֹיל הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ גֵיין מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ אַז דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל בִּיז נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר, אִיז דָא דֶעמָאלְט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, דִי זֶעלְבֶּע וִוי וֶוען מֶען עֶפֶענְט אוֹיף דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ, וָואס דֶעמָאלְט אִיז בַּאקַאנְט אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן וָואס מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיסְ'פּוֹעֶלְ'ן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, דִי זֶעלְבֶּע עֵת רָצוֹן אִיז אוֹיךְ דָא אִין דִי גַאנְצֶע פֶערְצִיג טֶעג.

וואוֹיל אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נוּצְט אוֹיס דֶעם חוֹדֶשׁ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַסַאךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אַוַודַאי דַארְף מֶען הִתְחַזְקוּת אוֹיף דֶעם אוֹיךְ, וַוייל אַסַאךְ מָאל נֶעמְט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער צוּ עֶנְדִיגְן אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן עֶס צוּ עֶנְדִיגְן אִינְגַאנְצְן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען עֶס נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז שְׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט בִּיז שְׂמְחַת תּוֹרָה קֶען מֶען נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז זֹאת חֲנוּכָּה וָואס אִיז נָאךְ אַ הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אַזוֹי וִוי דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים שְׁרַייבְּן, מֶען טָאר אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אוֹיסְצוּנִיצְן דִי טֶעג, אוּן נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגֶען דִי טֵייעֶרֶע צַייט, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גוּט וֶועט קוּמֶען אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר פוּל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחְנִיוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ב' וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ אֱלוּל)


**מוסדות היכל הקודש ברסלב**

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

**דערמאנונג רעגיסטראציע שנת תשפ"ב**

מ'ענדיגט שוין מסדר זיין די קלאסן פאר נאך די זומער, און **אייערע קינדער זענען נאכנישט איינגעשריבן!**

אויב האט איר נאכנישט גערעדט מיט'ן **אפיס**, זענען אייערע קינדער **נאכנישט איינגעשריבן** אין די מוסדות.

**זייט נישט קיין צושעק לשעבר, רופט שוין אין אפיס**

718-384-1652 Ext. 105

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (קטז)

**תלט**

אִין יֶענֶע צַייט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעהַאט גָאר שְׁווֶערֶע מְנִיעוֹת פוּן זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן פוּן אַנְדֶערֶע חָשׁוּבֶע מֶענְטְשְׁן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן.

מְ'קֶען גָארְנִישְׁט זִיךְ פָּארְשְׁטֶעלְן אוּן דֶערְצֵיילְן דִי שְׁוֶועריִקַייטְן אוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מְנִיעוֹת וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט דַאן גֶעהַאט, יֶעדֶע נְסִיעָה וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט צוּ פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן, אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען מִיט גְרוֹיס מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אוּן עֶר הָאט גֶעלִיטְן דֶערוֹיף פִילֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים, בִּיטֶערְנִישְׁן, אוּן שְׁפִיכַת דָמִים. פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן, נָאר עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוּן גֶעפָארְן נָאכְאַמָאל צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. עֶר הָאט זִיךְ מְחַיֶ' גֶעוֶוען מִיט דִי טֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס הָאט גֶעצוֹיגְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן הִתְלַהֲבוּת.

**תמ**

דֶעמָאלְט, אִין חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, הָאט זִיךְ אַסַאךְ גֶעשְׁטַארְקְט דִי מְנִיעוֹת אוֹיף רֶבִּי נָתָן אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע פַארְנֶעם, וַוייל זַיין מִשְׁפָּחָה הָאבְּן גֶעוָואלְט עֶר זָאל פִירְן גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר זָאל פָּארְן קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב צוּ קוֹיפְן סְחוֹרָה, אָבֶער רֶבִּי נָתָן הָאט נָאר גֶעבְרֶענְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סְ'הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן אַז עֶר זָאל דַארְפְן פַארְבְּרֶענְגֶען אַזוֹיפִיל צַייט, סְ'אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר בִּיטֶער אוֹיפְ'ן הַארְץ, אוּן עֶר הָאט זִיךְ מַמָשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט קַיין עֵצָה גֶעבְּן.

עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוְונֶען, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוְונֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, "דָא נִישְׁט וַוייט, אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, ווֹאוּינְט אַ רֶבִּי וָואס קֶען מִיר אוֹיפְלַייכְטְן דָאס לֶעבְן, עֶר קֶען מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיין טוּנְקְלְקַייט אוּן בִּיטֶערְנִישׁ, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט פָּארְן צוּ אִים!", אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה אַז עֶר וֶועט נִישְׁט פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן בִּיז שַׁבָּת חֲנוּכָּה, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן.

וֶוען דִי בִּיטֶערְנִישׁ הָאט זִיךְ אָבֶער גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף אִים מֶער אוּן מֶער, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז וֶוען זַיין טַאטֶע וֶועט עֶסְן מִיטָאג, אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ לֵייגְט עֶר זִיךְ אָרָאפּ אַבִּיסְל נָאכְדֶעם, וֶועט עֶר דַאן פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר וֶועט עֶס מַאכְן שְׁנֶעל צוּ זַיין צוּרִיק נָאךְ פַאר נַאכְטְמָאל, אַזוֹי וֶועט זַיין טַאטֶע נִישְׁט הָאבְן אֲפִילוּ בַּאמֶערְקְט אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן.

עֶר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן דִינְגֶען אַ וָואגְן אוּן אִיז גֶעפָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב, אָבֶער אִינְמִיטְן וֶועג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁוֶוערֶע גָאס רֶעגְן, אוּן דִי פֶערְד זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר שְׁטַאט, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן עֶרְשְׁט בַּיינַאכְט שׁוֹין נָאךְ מַעֲרִיב.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

<<<<<<

- קינדער פון 12 ביז 18 יאר דארפן נאר ווייזן א נעגאטיוו קאראנע טעסט ביים אריינקומען אין לאנד, זיי דארפן זיך נישט קוואראנטינען.
- קינדער אונטער 12 דארפן נישט האבן דעם טעסט ביים אריינקומען.
- ביים צוריק אריינקומען אין אמעריקע נאך ראש השנה, דארף יעדער אן אויסנאם, קינדער און ערוואקסענע, וואקסינירט אדער נישט, ווייזן א נעגאטיוו קאראנע טעסט גענומען אין די דריי טעג פאר'ן ארויספארן.

מיר זענען ווייטער מתפלל אז די גרעניצן זאלן זיין ברייט אפן פאר אלע אידישע קינדער, עס זאל נישט זיין קיין שום אפהאלט פאר די צענדליגע טויזנטער אידן וואס גרייטן זיך שוין צו פארן קיין אומאן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, און פועל'ן א גוט געבענטשט יאר.

**קיינער טאר נישט פעלן!**



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# פַארְוָואס מַאכְט מֶען אִידִישְׁקֵייט אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ גֶע'גֶט'ע וַוייבְּל פוּן ... שׁוּלֶע, אִיךְ בִּין אַוֶועקְגֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן אִיךְ פְּלַאן זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּישְׁן, אִיךְ וִויל נִישְׁט טוּישְׁן מַיין לֶעבְן, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי בִּיטֶער גֶעוֶוען דִי שְׁוֶוערֶע לֶעבְן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פְרוּם אוּן וואוֹיל אַלֶע יָארְן, בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶס הָאט גֶעקְרַאכְט. אֲפִילוּ מַיין נְשָׁמָה צִיעֶט אַלֶעמָאל צוּרִיק צוּ גוּט, אָבֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט אוּן אִיךְ וִויל נִישְׁט צוּרִיקְגֵיין.

אֵיין זַאךְ וָואס אִיז מִיר גֶעבְּלִיבְּן, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ זֶען וִוי אַזוֹי אִיר גֶעבְּט אַ וֶועג פַאר מֶענְטְשְׁן, דָאס מַאכְט מִיר טְרַאכְטְן אַז וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעגַאנְגֶען אִין אַייעֶרֶע פִּיסְטְרִיט אַלְס מֵיידְל, וָואלְט אִיךְ הַיינְט גֶעהַאט אַ גֶעזוּנְטֶע גוּטֶע לֶעבְן. דֶערְפַאר טְרַאכְט אִיךְ אַלֶעמָאל אַז אִיךְ בִּין טַאקֶע שׁוֹין צֶערִיסְן אָבֶער כָאטְשׁ אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ זֶעעֶן אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג וָואס מֶען קֶען מַאכְן דִי תּוֹרָה זִיס אוּן אָרִיגִינֶעל אָן קַיין פַאלְשְׁקֵייט.

סְפֶּעצִיעֶל הָאב אִיךְ זִיךְ גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶן פַאר דֶעם וָואס אִיךְ הָאב גֶעזֶען וִוי אִיר זִיצְט אוּן קְלָאגְט מִיט אֵייעֶר קְהִלָּה דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם תִּשְׁעָה בְּאָב, דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען וִוי בַּאלְזַאם אוֹיף מַיין פַארְוֵייטָאגְטֶע נְשָׁמָה. וַוייל אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וִוי אִיךְ זִיץ אַלְס מֵיידְל אִין מַחֲנֶה ... אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב, דִי לֶעקְטֶערְס פַארְלָאשְׁן, מֶען זִיצְט אוֹיף דֶער עֶרְד, מְ'דֶערְצֵיילְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת, מַיין קְלֵיין הֶערְצֶעלֶע פְּלַאצְט צוּזַאמֶען מִיט דִי הֶערְצֶער פוּן אַלֶע מֵיידְלֶעךְ, מִיר זִיצְן וִוי פַארְלוֹירֶענֶע שָׁאף, מֶען שְׁמַייסְט אוּן מֶען שְׁמַייסְט, נָאךְ אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשֶׂה, נָאךְ אַ צִיפֶּעדִיגֶע מוּסָר, אוֹי דִי פִינְסְטֶערֶע תִּשְׁעָה בְּאָב קָאשְׁמַארְן וָואס זֶענֶען מִיר נָאכְגֶעלָאפְן לַאנְגֶע טֶעג אוּן וָואכְן דֶערְנָאךְ. נָאךְ אַ נִיגוּן פוּן חוּרְבָּן, נָאךְ אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע רֶעדְנֶערִין, בָּאמְבֶּעס פַאלְן, קִינְדֶער אַלֵיין אִין וַואלְד, דִי מַאמֶע אִיז גֶע'הַרְגֶ'ט, בְּלוּט גִיסְט זִיךְ, אוֹישְׁוִויץ, אַ מַאסְן קֶבֶר, שְׁרֶעקְלִיכֶע קְרֶענְק אוּן מַחֲלוֹת, אִיבֶּערְבֶּעטְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען אוּנְזֶער תִּשְׁעָה בְּאָב. מְ'הָאט אוּנְז אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין מִלְחָמָה, אִין שְׁרֶעק, אִין טֶערָאר, פַּיין, דְרוּק אוּן גֶעוַואלְדֶעס. מְ'הָאט מִיר צוּגֶענוּמֶען מַיין אָטֶעם, מַיין לֶעבְן, מַיין גֶעזוּנְט.

אִיךְ בַּאשׁוּלְדִיג נִישְׁט קֵיינֶעם, קֶען זַיין אַז זֵיי וֵויסְן נִישְׁט וָואס אַזַא תִּשְׁעָה בְּאָב טוּט פַאר אַ מֵיידְל וָואס דַארְף נָאךְ זַיין אַ צוּקוּנְפְטִיגֶע וַוייבְּל, מַאמֶע אוּן בַּאבֶּע. אוּן יֶעצְט זֶע אִיךְ אֵייעֶר תִּשְׁעָה בְּאָב, אַזַא הִתְעוֹרְרוּת, עֶס אִיז נִישְׁט דָא שְׁרֶעק, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין חוּרְבָּן, עֶס אִיז נָאר דָא טְרֶערְן פוּן הָאפֶענוּנְג, טְרֶערְן פוּן בֶּענְקְשַאפְט צוּ אֶמֶת, צוּ אַ טַאטֶע וָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט פַארְלוֹירְן פוּן אוּנְז.

אוֹי הַלְוַאי לֶערֶערִינְס זָאלְן דָאס זֶען, אוֹי הַלְוַאי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן וִויסְן אַז נִישְׁט דָאס וָואס מֶען הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אִינְ'ם גֵיהִנוֹם דָאס אִיז אִידִישְׁקֵייט, אִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיג זִיךְ פַארְ'ן אַזוֹי וֵויינֶען צוּ אַייךְ, אִיר קֶענְט מִיךְ נִישְׁט, אָבֶער אִיךְ הָאב גֶעפִילְט אַז דִי וֶוערְטֶער לִיגְן מִיר אִין הַאלְז; כָאטְשׁ זָאלְן דִי שֶׁעפֶעלֶעךְ וָואס זֶענֶען אִין מַיינֶע קִינְדֶער שִׁיךְ, וִויסְן וואוּ עֶס אִיז דֶער גֵיהִנוֹם אוּן וואוּ עֶס אִיז גַן עֵדֶן.

אַ ... תַּלְמִידָה

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אַזוֹי וִוי אַייךְ זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן דִי יוּגְנְט וָואס גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דִי תּוֹרָה וֶועג מֵיינֶענְדִיג אַז דִי פְרֵייעֶ לֶעבְן אִיז דִי גוּטֶע לֶעבְן, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁטָא פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער קַיין אַנְדֶערֶע וֶועג צוּ לֶעבְן; עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דִי פְרֵייעֶ לֶעבְן אִיז גֶעשְׁמַאקֶער אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר אַז מֶען הִיט דִי תּוֹרָה הָאט מֶען לֶעבְן, נָאר אַז מֶען טוּט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט - אִיז מֶען גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

וִוי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן אַייעֶרֶע וֶוערְטֶער זֶענְט אִיר זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵייעֶר הַארְץ אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַ אִידִישֶׁע הַארְץ, אֵייעֶר נְשָׁמָה בֶּענְקְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר קֶענְט אִין אֵיין מִינוּט זוֹכֶה זַיין אַלְעס צוּ פַארְרֶעכְטְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאב חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאב גֶעטוּן, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט", - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר נֶעמְט יֶעדְן אֵיינֶעם צוּרִיק, נָאכְמֶער פוּן דֶעם זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יוֹמָא פו:): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁזְּדוֹנוֹת נַעֲשׂוֹת לוֹ כִּזְכִיּוֹת", וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה פוּן לִיבְשַׁאפְט, מֶען קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל מֶען הָאט לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶוערְן פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת - מִצְוֹת.

וִויסְן זָאלְט אִיר, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אִיז אַ זִיסֶע תּוֹרָה, אַ גוּטֶע זַאךְ; עֶס זֶענֶען דָא וָואס פַארְדְרֵייעֶן דִי תּוֹרָה, זֵיי מַאכְן זִיךְ אַן אֵייגֶענֶע תּוֹרָה - וָואס שְׁטֶעכְט, עֶס זֶענֶען דָא וָואס לֵייגְן צוּ נֵייעֶ זַאכְן, דָאס מַאכְט עֶס שְׁטֶעכֶעדִיג; דָאס אִיז נִישְׁט דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט קַיין שְׁטֶעכֶעדִיגֶע זַאךְ, דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט קַיין בִּיטֶערֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה לב) וֶוער זָאגְט אַז כַּפּוֹת תְּמָרִים אִיז אַ לוּלָב, אֶפְשָׁר מֵיינְט דִי תּוֹרָה מִיר זָאלְן נֶעמֶען פַאר כַּפּוֹת תְּמָרִים אַ שְׁטֶעכֶעדִיגֶע בְּלֶעטְל? אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוער זָאגְט אַז עֲנַף עֵץ אִיז הֲדַסִּים, אֶפְשָׁר אִיז עֲנַף עֵץ עָבוֹת אַ הִירְדוּף - אַ דָארְן בְּלֶעטְל? זָאגְט דִי גְמָרָא עֶס קֶען נִישְׁט זַיין וַוייל (מִשְׁלֵי ג, יז): "דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם", דִי וֶועג פוּן

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>

דִי תּוֹרָה אִיז אַ זִיסֶע וֶועג, נִישְׁט קַיין שְׁטֶעכֶעדִיגֶע וֶועג; אִיז זִיכֶער נִישְׁט פְּשַׁט מֶען זָאל נֶעמֶען דִי זַאכְן אִין דִי הֶענְט אוּן וֶוערְן צֶעשְׁטָאכְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם ווִילְנֶער גָאוֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוֹיבּ מֶען לֵייגְט צוּ זַאכְן צוּ דִי תּוֹרָה, בַּיים סוֹף לָאזְט מֶען אָפּ דִי תּוֹרָה; עֶר טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כז, מ): "וְהָיָה כַּאֲשֶׁר 'תָּרִיד' וּפָרַקְתָּ עֻלּוֹ", 'תָּרִיד' אִיז מִיט אֵיינְס מֶער פוּן 'תַּרְיַ"ג', וְהָיָה כַּאֲשֶׁר 'תָּרִיד', אַז דוּ וֶועסְט צוּלֵייגְן אֵיינְס אוֹיף תַּרְיַ"ג, עֶס וֶועט וֶוערְן תָּרִי"ד - וּפָרַקְתָּ עֻלּוֹ, דֶעמָאלְט וַוארְפְט מֶען אַרָאפּ דֶעם עוֹל פוּן דִי תּוֹרָה.

דָאס אִיז דִי וֶועג פוּנֶעם ס"מ; עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן מִיט אָדָם וְחַוָּה, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר אָדָם הָרִאשׁוֹן (בְּרֵאשִׁית ג, ג): "לֹא תֹאכְלוּ מִמֶּנּוּ", מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת, אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי אוּן צוּגֶעלֵייגְט: 'לֹא תִגְּעוּ בּוֹ', אוֹיךְ לָאזְט נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֶען זָאל אָנְרִירְן דֶעם בּוֹים, אוּן אֵיינְמָאל עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט וְכוּ' הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דוּרְכְדֶעם אָדָם וְחַוָּה אוּן גוֹרֵם גֶעוֶועזְן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס; דָאס פַּאסִירְט וֶוען מֶען לֵייגְט צוּ, מֶען מַאכְט זִיךְ אַן אֵייגֶענֶע תּוֹרָה.

אֵייעֶר לֶעבְּן קֶען נָאךְ וֶוערְן שֵׁיין אוּן זִיס, בַּיים רֶבִּינְ'ס שׁוּלֶע נֶעמְט מֶען אָן אוֹיךְ עֶרְוַואקְסֶענֶע; מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין יוּנְגֶע מֵיידְל צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן, בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דָא אַ וֶועג זִיךְ זִיס מַאכְן דָאס לֶעבְּן אֲפִילוּ מֶען אִיז שׁוֹין עֶלְטֶער. הֵייבְּט אָן נוּצְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, תְּהִלִּים אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין זִיבְּן, זָאגְט יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים", וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, "כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וַוייל תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָּל צוּ תְּשׁוּבָה, אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן אִין דִי טֶעג פוּן אֱלוּל אוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה זָאגְן אַלֶע אַסַאךְ תְּהִלִּים, וַוייל דָאס אִיז מְסוּגָּל צוּ תְּשׁוּבָה, "וְעַל כֵּן הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד לַעֲסֹק תָּמִיד בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי תְּהִלִּים הוּא הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחֵז בּוֹ", דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק זַיין אִין זָאגְן תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תשפ"א)


# אומאן ראש השנה!

## אלע אייערע געברויכן פאר אומאן

עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך

> בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס <

אייער פריינד

אלי קנאלל

718-506-4341

Plan it Rite

Travel the right way


# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# "מעמד הכתרה" דעם זונטאג כי תצא

מיט גרויס עקסטאז גרייטן זיך אנשי שלומינו צום געהויבענעם מעמד הכתרה, וואס וועט פארקומען בעזרת השם יתברך דעם זונטאג פרשת תצא, ז' אלול הבעל"ט, און וועט אפגעראכטן ווערן ברוב פאר והדר אינעם גרויסן אודיטאריום פונעם בנין המוסדות אין ליבערטי, וואו מען וועט אפגעבן דעם פאסיגן כבוד התורה, ווען מ'וועט אויפנעמען דעם גרויסן תלמוד חכם וואס יראתו קודמת לחכמתו, הרה"ג ר' יונה זינגער שליט"א, אלס דיין ומורה צדק בקהילת היכל הקודש ברסלב ליבערטי, און וועט בעז"ה שטיין צום דינסט פונעם ציבור צו פסק'נען שאלות.

דער מעמד וועט באשיינט ווערן דורך פילע חשובע רבנים און דיינים, וואס וועלן אויפטרעטן לכבודה של תורה. גאר א רייכער און הערליכער פראגראם ווערט צוגעגרייט פאר'ן מעמד, פון וואס אלע באטייליגטע וועלן גאר שטארק הנאה האבן.

דער מעמד וועט אויסגעשטעלט ווערן לויט וויפיל טיקעטס זענען געקויפט געווארן. מאכט זיכער צו האבן גרייט אייערע טיקעטס באצייטנס, מ'קען קויפן טיקעטס דורכ'ן רופן 845-243-1580.

מען האט אפגעשמועסט מיט די פאליציי מסדר צו זיין די טרעפיק און פארקינג, צו די צופרידנהייט פון אלע משתתפים. מען גרייט צו עטליכע פארקינג לאטס אינעם געגענט צו קענען אקאמאדירן דעם ציבור. אבער מיט'ן ערוואַרטונג פונעם גרויסן ציבור איז נישט מעגליך צוצושטעלן גענוג פארקינג אינעם געגענט, דעפאר וועט צוגעשטעלט ווערן שאטל באסעס פון שטעטל אהין און צוריק עקסטער פאר מענער און פרויען, וואס וועט טראגן דעם ציבור. מען בעט טאקע דעם ציבור זאל למען הצלחת המעמד נאר פארקן אין שטעטל און פון דארט נעמען דעם שאטל וואס וועט צוטראגן בעזרת השם צום טיר פון זאל.

דער ראש ישיבה שליט"א טוט פערזענליך איינלאדענען אלע אנשי שלומינו מיט די משפחות צו דער היסטארישער מעמד הכתרה וועט וועט לאנג געדענקט ווערן ביי אלע באטייליגטע.

מיר זענען מתפלל צום אייבערשטן אז דער דיין שליט"א זאל מצליח זיין מיט זיין הייליגע ארבעט, צו קענען ווייזן און לערנען דעם וועג ווי אזוי זיך צו פירן לויט די ריכטיגע הלכה, פאר לאנגע יארן געזונטערהייט.

**יגדיל תורה ויאדיר!**

***

# מ'קען שוין דינגען זיצן אין ביהמ"ד היכל הקודש אין אומאן

אין די יעצטיגע טעג הויבט מען שוין אן פארדינגען זיצן אין בית המדרש היכל הקודש אין אומאן. דער בית המדרש וועט אי"ה זיין אפן פאר יעדן איינעם, אפילו פאר ווער ס'האט נישט געדינגען א בעט אינעם בנין.

מאכט זיכער צו דינגען אייער זיץ ווי פריער, ווי לאנג עס איז דא אן אויסוואל פון גוטע זיצן, צו קענען דאווענען מיט א רואיגקייט און התעוררות, אויסצו'פועל'ן א זיס לעכטיג יאר. מ'קען דינגען א זיץ דורכ'ן רופן 347-404-8738. לאזט א מעסידזש און מ'וועט אייך אי"ה צוריק רופן.

***

# טעסטינג צענטער ביים בנין היכל הקודש אין אומאן

ווי געמאלדן פארגאנגענע וואך זענען אריין אין קראפט נייע רעגולאציעס ביי די אוקריינע גרעניצן, וואס לויט דעם וועלן פילע דארפן האבן קאוויד טעסטינג אנקומענדיג קיין אומאן, און יעדער אן אויסנאם וועט דארפן א קאוויד טעסט ביים צוריקפארן נאך ראש השנה.

דערפאר לייגט מען יעצט אריין גרויסע כוחות צוצושטעלן א טעסטינג צענטער אינעם בנין היכל הקודש, צו פארגרינגערן פאר אנשי שלומינו נישט צו דארפן ארומלויפן זוכן וואו צו מאכן די טעסטס אין אומאן.

מ'וועט זיך דארפן רעגיסטרירן און באצאלן פון פאראויס, ווייל אנדערש וועט נישט זיין גענוג צייט אין אומאן זיך צו קענען אפגעבן מיט יעדן איינעם. קומענדיגע וואך וועלן מיר מעלדן אי"ה וואו און ווי אזוי מ'קען זיך רעגיסטרירן.

**תיקון טעות:** פארגאנגענע וואך האבן מיר בטעות געשריבן אז פון העכער 16 יאר דארף מען זיך קוואראטינען אין אוקריינע אויב מען איז נישט וואקסינירט. די ריכטיגע עלטער איז פון 18 יאר און העכער.

די נייע רעגולאציעס זענען יעצט ווי פאלגענד:

- יעדער וואס קומט אריין אין לאנד, אן קיין אויסנאם, קינדער און ערוואקסענע, וואקסינירט אדער נישט, דארף האבן געקויפט אוקריינישע העלט אינשורענס, און מ'דארף האבן די באווייזן דערויף.
- אויב מען איז וואקסינירט, דארף מען ברענגען באוויז אז מען איז פולקאם וואקסינירט (ביידע דאזעס), און דאן קען מען זיך געהעריג ארומדרייען אין לאנד.
- די וואס זענען נישט וואקסינירט, וועלן מוזן ווייזן א נעגאטיוו קאראנע טעסט ביים אריינקומען אין לאנד, און אויך וועלן זיי מוזן האבן אן "עפפ" אויף א סמארטפאון, מיט וואס די ארטיגע באאמטע וועלן אים קענען נאכפאלגן וואו ער גייט און דרייט זיך. פאר די ערשטע 72 שעה איז ער פריי צו קענען פארן צום פלאץ וואו ער שטייט איין, און דאן דארף ער זיך קוואראנטינען פאר 10 טאג (אין די 10 טעג וועט מען אויך נישט קענען צוריק פארן). אויב נעמט מען א קאראנע טעסט אין אוקריינע און עס קומט צוריק נעגאטיוו, קען מען אויסמעקן דעם עפפ און ארויסגיין פון קוואראנטין.

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל לעווי** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **הלל ווייס** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יודל ווערצבערגער** הי"ו

צו די געבורט פוו א אינגל למזל טוב


## כ'בין נישט מצליח

פארוואס בין איך אזא גרויסער דורכפאל? פארוואס איז יעדער מצליח, נאר נישט איך?

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 7, 2, 80**



## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**